תאריך הורדה: 4 מאי 2022. מקור: עמוד 60, The Australian Jewish News (Melbourne), 9 דצמבר 1994 *** מתוך אתר "עיתונות יהודית היסטורית", הספרייה הלאומית ואוניברסיטת ת"א

# דאס באשיידענע לעבן פונעם וולאדאוועקער רב ר׳ יצחק נח טשערקעס זצ״ל

אין שייכות מיטן 60-סטן יארצייט פונם בארימטן וולאדאוועקער רב, ר׳ יצחק נח טשערקעס זצ״ל, איז פאסיק איבערצוגעבן עטלעכע אינטערע סאנטע פרטים פון זיין באשיידענעם לעבן.

ר׳ יצחק נח איז געווען רב אין וולאדאווקע, א שטעטל פון דער אנדער זייט פון וולאדאווע ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט-מלחמה. אויסשטייענדיק פיל צרות פון די אפטרעטנדיקע רוסישע און אנגעקומענע דייטשע ארמייען, איז ר׳ יצחק נח געצוווּנגען געווען צו פארלאזן זיין היים און אריבערפארן מיט זיין משפחה קיין בריסק. דארט איז ער אפגעזעסן ימים-ולילה לערנענדיק און שרייבנדיק ספרים אין בריסקער ראבינאט, וואס האט זיך געפונען אין הויז פון בריסקער גאון, ר׳ וועלוועלע סאלאווייטשיק זצ״ל, דאס אייניקל פונעם בארימטן תלמיד-חכם ר׳ יאשע בער סאלאווייטשיק, פון וועלכן ר׳ יצחק נח האט טאקע באקומען סמיכה.

עס איז וויכטיק צו דערמאנען, אז ר׳ יצחק נח איז געווען א גאר נאענטער ידיד פונעם באוווּסטן דיין, ר׳ יצחק זעליק.

ר׳ יצחק נח טשערקעס האט געהאט 3 זין, פון וועלכע איינער איז געשטארבן אין די יארן 27-1926; דער צווייטער, ר׳אלטער ז״ל איז אויך געווען א רב און מען האט אים גערופן ״דער בריסקער מגיד״ און דער יינגסטער זון, ר׳ שלמה ז״ל וועמענס זון פיניע געפינט זיך טאקע אין מעלבורן און געהערט צו דער ״מזרחי״-באוועגונג.

פיניע דערציילט, אז זיין זיידע, יצחק נח פלעגט אים בענטשן כמעט יעדן פרייטיק, ביז זיין פטירה אין 1936. פיניע האלט, אז זיין זיידנס ברכות זענען אים בייגעשטאנען, ווארום ער איז אדורכגעגאנגען אין זיין לעבן אלע שבעה מדורי גהינום און ער האט זיך עטלעכע מאל ארויסגעדרייט פון די נעגל פון מלאך-המות.

2 מאל איז פיניע געמשפט געווארן אין ראטנפארבאנד און פאראורטיילט געווארן צום טויט. נאכן אפווארטן 42 טעג אויפן אויספירן פונעם אורטייל, איז דער זכות פון זיין זיידן אים בייגעשטאנען און זיין טויט-אורטייל איז פארביטן געווארן אויף 25 יאר קאטארגע. זייענדיק א פוילישער בירגער, האט זיך אים איינגעגעבן באפרייט צו ווערן אין 1949 און א שטיק צייט האט ער געמוזט זיך אויסבאהאלטן (ווייל מען האט אים אויפסניי געזוכט) אין פארשיידענע שטעט און שטעטלעך אונטער פארשיידענע פאלשע נעמען.

נאך לאנגע וואגלענישן און אויסבאהאלטן זיך אין רוסלאנד, איז אים געלונגען צו אנטלויפן פון דארט קיין פוילן, פון וואנען מען האט אים געוואלט צוריקברענגען קיין רוסלאנד און סוף-כל-סוף איז ער דורך דייטשלאנד אין 1957 צוזאמען מיט זיין משפחה אנגעקומען צו די אויסטראלישע ברעגעס. ער האט געפירט זיינע 2 קינדער אין יידישן דרך און ער אליין היט אפּ די יארצייטן נישט בלויז פון זיינע אויסגעמארדעטע עלטערן, ברידער און שוועסטער, נאר אויך די יארצייט נאך זיין זיידן, יצחק נח, דעם גרויסן גאון.

★ ★ ★

אין 1936 ווען ר׳ יצחק נח איז קראנק געווארן, האט מען אים געמוזט איבערפירן אין בריסקער יידישן שפיטאל. אפליגנדיק דארט עטלעכע וואכן, האט ער ארויסגערופן צו זיך דעם הויפט-דאקטאר, דר. יאפע (וועלכער האט זיך בעת דער צווייטער וועלט-מלחמה געסמט אין בריסקער געטא) און ביי אים געבעטן, ער זאל אים אויסשרייבן פון שפיטאל, ווייל ער פילט, אז זיינע לעצטע טעג דערנענטערן זיך. דר. יאפע האט זיך אפגעזאגט אקעגנקומען זיין בקשה, אבער נאך שטארקע פאדערונגען, האט ער באוויליקט דעם זיידנס ווּנטש און אים אויסגעשריבן פון שפיטאל.

פארן שפּיטאל האבן זיך פארזאמלט צענדליקער יידן למדנים, סירוב תלמידים פון דער בריסקער ישיבה-גדולה, וועלכע האבן אים אפגעטראגן א היים. די וואס האבן זיך נישט געקאנט צורירן צום צדיק, האבן זיך אנגעהאלטן אין די פאלעס פון די ערשטע. דאס איז געווען ערב די ימים-נוראים. באלד נאך שמחת-תורה, ליגנדיק און לערנענדיק, האט ער פלוצים געבעטן אלעמען ארויסגיין פון זיין קליינעם צימער, וואס איז געווען ארומגעשטעלט מיט כתב-ידן און ספרים. זיין עלטסטן זון, ר׳ אלטער, האט געהייסן פארבלייבן. ער האט אים איבערגעגעבן זיין אלטן זייגער, וועלכער פלעגט איבערגיין פון אור-אור-עלטערן און אויסשרייענדיק שמע-ישראל, האט ער אויסגעהויכט זיין ריינע, הייליקע נשמה.

דער הספד איז פארגעקומען אין ר׳ פייוולס בית-המדרש, ווּ דער זיידע פלעגט דאווענען אין דער וואכן, ווייל שבתים פלעגט ער דאווענען אין דער בריסקער תלמוד-תורה, צוזאמען מיט די ביאליסטאקער חסידים.

עס האבן אים מספיד געווען דער בריסקער ראש-ישיבה, זיין עלטסטער זון, ר׳ אלטער, דער בריסקער רב ר׳ וועלוועלע סאלאווייטשיק און 6 ישיבה-בחורים האבן געבראכט דעם באוווּסטן קאמיענעצער רב, וועלכער האט אים אויך מספיד געעווען און פיל טרערן זענען פארגאסן געווארן...

א פערטל פון זיין ירושה, האט מיין זיידע פארשריבן אפצודרוקן די כתב-ידן. דער עלטסטער זון האט זיך באדארפט מיט דעם פארנעמען. אבער די שרעקלעכע מלחמה האט צעשטערט די פלענער פון ר׳ אלטערן, וועלכער איז אומגעקומען על-קידוש-השם אינאיינעם מיט אלע אנדער משפחה-מיטגלידער און די זעקס מיליאן יידן...

עס איז כדאי צו באמערקן, אז כמעט אלע, וועלכע האבן באקומען חופה וקידושין, אדער געווארן געבענטשט פונעם גאון — זענען אויף פארשיידענע אופנים ניצול געווארן. סירוב האבן אויסגעוואנדערט פאר דער מלחמה קיין אמעריקע, ישראל און אפילו קיין מעלבורן, ווּ עס געפינען זיך עטלעכע פאמיליעס, וואס האבן באקומען חופה וקידושין פונעם צדיק.

מען גלויבט, אז דער וולאדאוועקער רב, ר׳ יצחק נח, האט ביי זיין לעבן איבערגעלערנט ביי א 20 מאל דעם ש״ס.

עס זענען באקאנט גרויסע גאונים, תלמידי-חכמים, וועלכע האבן געפירט א שטארק באשיידן לעבן און האבן זיך אויסבאהאלטן, מען זאל פון זיי נישט הערן. צווישן זיי האט פארנומען א געהעריקן ארט, דער וולאדאוועקער רב, ר׳ יצחק נח טשערקעס זצ״ל.

כבוד זיין אנדענק!